**ליטעראַטור**

# נסים אויפֿן ים

## *Wonders on the Sea*




פּראָפֿעסאָר קען פֿרידען אין זײַן בוך „רײַזעס אין דער איבערזעצונג״

Read more: http://yiddish.forward.com/articles/199464/wonders-on-the-sea/#ixzz4ccDPfK5Q

**פֿון מיכאל קרוטיקאָוו**

Published September 18, 2016, issue of September 30, 2016.

Read more: http://yiddish.forward.com/articles/199464/wonders-on-the-sea/#ixzz4ccDI4kHZ

וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָבן ים־רײַזעס מיטן אויפֿקום פֿון דער מאָדערנער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור? אַוודאי איז דער דאָזיקער זשאַנער זייער חשובֿ אין אַנדערע ליטעראַטורן, בפֿרט אויף ענגליש, אָבער ייִדן האָבן דאָך ניט געהאַט קיין אייגענעם ים־פֿלאָט. ייִדישע סוחרים זײַנען יאָ געווען פֿאַרטאָן אין ים־האַנדל, און איײניקע ייִדן פֿלעגן אויך פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל אויף דער עלטער, אָבער קיין סך ליטעראַרישע שפּורן האָבן זיי ניט געלאָזט.

און דאָך, ווי עס טענהט פּראָפֿעסאָר קען פֿרידען אין זײַן בוך [Travels in Translation, רײַזעס אין דער איבערזעצונג], האָבן די שילדערונגען פֿון ים־רײַזעס טאַקע שטאַרק באַווירקט די אַנטוויקלונג פֿון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור.

געוויינטלעך האַלט מען, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור אויף עבֿרית האָט זיך אַנטוויקלט אין צוויי באַזונדערע פּאַראַלעלע שטראָמען — דעם חסידישן און דעם משׂכּילישן. פֿרידען האַלט, אַז די טעמע פֿון ים־רײַזעס איז דווקא געווען אַ בשותּפֿותדיקע. ער אַנאַליזירט אין פּרטים די שפּראַך פֿון פֿאַרשידענע העברעיִשע טעקסטן פֿון סוף־אַכצנטן ביז אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט, און דערווײַזט, ווי אַזוי די מחברים האָבן געשאַפֿן אַ נײַעם וואָקאַבולאַר און סטיל פֿאַר באַשרײַבן די דערפֿאַרונג פֿון ים־רײַזעס.

ביז יענער צײַט, שרײַבט פֿרידען, „איז דער צענטער פֿון דער ייִדישער געאָגראַפֿיע געווען ארץ־ישׂראל‟, און די עטלעכע עלטערע העברעיִשע רײַזע־באַשרײַבונגען פֿון איטאַליענישע ייִדן שעפּן זייער שפּראַך און בילדערישקייט פֿונעם תּנ״ך, בפֿרט ספֿר יונה. פֿאַר די טעכנישע באַגריפֿן,

וואָס האָבן צו טאָן מיט ימישער טערמינאָלאָגיע, באַנוצן זיי זיך מיט איטאַליעניש וווערטער. אָבער זייער וועלטבאַנעם פֿאַרבלײַבט איינגעוואָרצלט אינעם תּנ״ך.

אַ וויכטיקער חידוש אינעם דאָזיקן טראַדיציאָנעלן נוסח האָט אַרײַנגעבראַכט ר׳ נתן שטערנהאַרץ, וואָס האָט פֿאַרשריבן סיפּורים פֿון ר׳ נחמן פֿון ברעסלאָוו. ווי ער דערקלערט, האָט ער אין זײַנע איבערזעצונגען פֿון ר׳ נחמנס גערעדטן ייִדיש אויף לשון־קודש געהאַלטן נאָענט צו דעם אָריגינעלן בעל־פּהיִקן „לשון אַשכּנז״. גאַנץ אָפֿט האָט שטערנהאַרץ אַריבערגעטראָגן ייִדישע גראַמאַטיק אין העברעיִש. למשל, ער האָט כּסדר איבערגעזעצט „זיך״ ווי „עצמו״: פֿון „ער האָט זיך ניט מיאש געווען״ איז געוואָרן „לא היה מיאש עצמו״, וואָס איז גראַמאַטיש ניט קאָרעקט אויף העברעיִש. אָבער אַזאַ מין פֿאַרייִדישטער לשון־קודש האָט געקלונגען היימיש און מער צוטריטלעך פֿאַרן חסידישן עולם, וואָס איז ניט געווען גוט באַהאַוונט אין חכמת־הדקדוק.

שטערנהאַרצעס באַריכט פֿון זײַן אייגענער נסיעה קיין ארץ־ישׂראל, „ימי מוהרנ״ת״, פֿאַרמאָגט מער פֿאַקטישע און רעאַליסטישע פּרטים ווי ר׳ נחמנס רײַזע־באַשרײַבונג. ר׳ נתן דערציילט וועגן זײַן דערפֿאַרונג אויף דער שיף פֿון אָדעס קיין סטאַמבול, וועגן ספֿרדישע ייִדן, און, נאַטירלעך, וועגן דעם שטורעם אויפֿן ים. אויף דער שיף האָט ער מחלוקותן מיט ווילנער מתנגדים, וואָס האַלטן ניט פֿון חסידות. אין טערקײַ באַמערקט ער, אַז די „פֿרענקין״ (ספֿרדים) רעדן העברעיִש ניט ווי „לשון הקודש שלנו״ און אַז זייערע מנהגים זײַנען אַנדערש פֿון די אַשכּנזישע. סײַ נחמנס און סײַ שטערנהאַרצעס חיבורים שפּיגלען אָפּ זייער „ביז־מאָדערנעם וועלטבאַנעם״, אָבער זייער שפּראַך איז מער פֿאָרגעשריטן איידער זייער אידעאָלאָגיע, פֿאַרסך־הכּלט פֿרידען. ייִדיש האָט אין זייערע טעקסטן געשאַפֿן אַ סטיליסטישן הינטערגרונט פֿאַרן לשון־קודש און אַזוי אַרום צוגעגעבן אים מער לעבעדיקייט און דינאַמישקייט.

גאָר אַנדערש האָבן באַהאַנדלט דעם זשאַנער פֿון ים־רײַזע די משׂכּילים. זיי האָבן צוגעפּאַסט דעם אייראָפּעיִשן ליטעראַרישן נוסח צו דער העברעיִשער ליטעראַטור. זייער פּראָגראַם איז געווען צו פֿאַרברייטערן די גרענעצן פֿון דער ייִדישער וועלט און עפֿענען די אייראָפּעיִשע קולטור פֿאַרן ייִנגערן דור. די ערשטע משׂכּילים האָבן געהאַלטן פֿאַר זייער מוסטער דאָס ריינע לשון פֿונעם תּנ״ך, אָבער די דאָזיקע לינגוויסטישע רעסורסן האָבן ווײַט ניט געקלעקט פֿאַר שאַפֿן אַ מאָדערנע ליטעראַטור.

דעם וויכטיקן שריט פֿאָרויס האָט געמאַכט דער האַמבורגער משׂכּיל מיטן נאָמען משה מענדעלסאָן־פֿראַנקפֿורט (קיין שײַכות נישט צו משה מענדעלסאָן פֿון דעסאַו). זײַן אויפֿטו איז געווען די העברעיִשע איבערזעצונג פֿונעם פּאָפּולערן דײַטשישן בוך „די אַנטדעקונג פֿון אַמעריקע״, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער פֿאַר ווײַטערדיקע העברעיִשע אַדאַפּטאַציעס. דער צוועק פֿון מענעלדסאָן־פֿראַנקפֿורט איז געווען קודם־כּל אַ פּעדאַגאָגישע: צו באַקענען די ייִדישע יוגנט מיט דער אַרומיקער וועלט. און כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָט ער געדאַרפֿט שאַפֿן אַ נײַע דערציילערישע העברעיִשע שפּראַך, וואָס האָט אַרײַנגענומען אַלע היסטאָרישע שיכטן פֿון דעם תּנ״ך ביז חז״ל.

אָבער דער הויפּטהעלד פֿון פֿרידענס שטודיע איז מענדעל לעווין סאַטאַנאָווער. זײַן ספֿר „מסעות הים״, אַן איבערזעצונג פֿון קאַמפּעס „רײַזעבאַשרײַבונגען״ האָט „אַריבערגעטראָגן די הערבעיִשע לייענער אינעם אַרקטישן און פּאַציפֿישן ים, ווײַט פֿון דער טקאַדיציאָנעלער ייִדישער וועלט מיטן צענטער אין ציון״. דאָס דאָזיקע ווערק איז אַ וויכטיקער מײַלשטיין אויפֿן וועג צו דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, האַלט פֿרידען.

צו פֿרידענס פּרטימדיקן אַנאַליז פֿון משׂכּילישע און חסידישע טעקסטן קאָן מען צוגעבן, אַז עלעמענטן פֿון ים־רײַזעס טרעפֿן זיך אויך אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור. אייניקע סוזשעטן ווי, למשל, די אַגדישע מעשׂיות וועגן רבה בר בר חנה, האָבן געמאַכט גלגולים צווישן „איין טויזנט און איין נאַכט״ ביז „צאינה וראינה״. ער איז אויך געווען אַ חשובֿע פֿיגור פֿאַר ר׳ נחמן. אַזוי אַרום זײַנען די געאָגראַפֿישע האָריזאָנטן פֿון ייִדישן כּוח־הדמיון אין דער ביז־מאָדערנער תּקופֿה געווען גאַנץ ברייט און ניט אומבאַדינגט באַגרענעצט דורך ארץ־ישׂראל.